דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק

ליטעראַרישער פאַמיליען-זשורנאַל

יאָרגאַנג 8

נומער 61

ארגאן פאר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאקטאר: א. ג. פרידמאן

(ליכט צינדן 8 מינוט נאָך 3)

ב"ה, לאָדזש פרייטיק פ' ויחי י"ג טבת תרצ"א [redacted] Łódź d. 2 Stycznia 1931

# באַגריסונג
## פון
# ד"ר נתן בירנבוים

פ"ה, ח' דחנוכה, תרצ"א, בערלין

זייער זשובער ה' פרידמאַן!

אַ בשורה טובה איז געווען פאַר מיר צו הערן, אַז אייער בית-יעקב-זשורנאַל, וואָס איז געוואָרן אין אייערע הענט אַזאַ וויכטיק כלי-זין אין אונדזער מלחמה אַקעגן אפיקורסות און הפקרות, וועט באַלד אָנהייבן אַרויסגיין אַלע צוויי וואָכן, איך בין זיכער, אַז, וואָס עפטער ס'וועט זיך דרוקן, אַלץ מער וועט זיך שטאַרקן זיין השפעה אויף די הערצער פון אונדזער יידישן עולם, בפרט פונים יינגן דור און דער עיקר פון אונדזערע יידישע טעכטער.

מיט הצלחה וואונטשן און האַרציקע גרוסן
אייער
**דר. בירנבוים**

# שמיטה...
## אלכסנדר זושא פרידמאַן

גראָד אין דעס יאָר, וואָס לויטן אַלגעמיינעם יידישן חשבון איז אַ שמיטה-יאָר — פייערט אויך דער בית-יעקב זשורנאַל זיין שמיטה יאָר.

אַוועק זיבן יאָר אַרבעט!

אָנגעטראָפן האָט דער בית-יעקב זשורנאַל אַ מדבר-באָדן, האַרט ווי אַ שטיין, נישט געאַקערט נישט געזייעט, און פאַרוואַקסן מיט דערנער, מיט סמידיקע גראָזער—

אַזוי איז געווען דאָס פעלד פון יידישקייט צווישן די יידישע פרויען און מיידלעך!

דער בית-יעקב האָט זיך צו דער אַרבעט גענומען, מיט ברען, מיט התלהבות, און בעיקר מיט גלויבן און האָפנונג.

זיבן יאָר געאַרבעט. אַ שפּאַדל נאָך אַ שפּאַדל אין דער אייזן האַרטער ערד אַריין, אַ גראָב נאָך אַ גראָב, דאָ פאַרזייעט אַ בלימל, דאָרט אַ ביימל, דאָ אַוועקגעשליידערט אַ דאָרן, דאָרט פאַרניכטעט אַ סמידיק געוויקס ביז —

ביז אַ שיינער גאָרטן, מיט בייטן בלומען, שיינע און שמעקעדיקע, וואָס טראָגן פונאַנדער זייערע גוטע ריחות ווי ווייט — איז פאַר אונדזערע אויגן.

דורך זיבן יאָר אַרבעט, אַ באַוועגונג אַרויסגערופן, אַ ליטעראַטור געשאַפן, אַ מחנה קעמפערנס פאַר יידישקייט אויפגעהאָדעוועט, קינדערישע הערצלעך דערקוויקט, יוגנטלעכע נשמות דערפרייט.

איצט איז דאָס זיבעטע יאָר געקומען, דאָס שמיטה-יאָר

אפשר זיך אָפּרוען אַ ביסל פון דער שווערער אַרבעט?

איז דאָך שמיטה אַ רו-יאָר, פאַר אַרבעטער, פאַר דעם באַאַרבעטן באָדן?

ניין! בית-יעקב פייערט אַ אַנדער מין שמיטה. פון וואָכעדיקע אַרבעט דאַרף מען רוען, פון הייליקע אַרבעט ווערט מען נישט מיד...

פונקט אין שמיטה-יאָר גייט בית-יעקב זשורנאַל פאַרטאָפּלען זיין אַרבעט, פאַרגרעסערן זיין ענערגיע — אַזאַ מין רו, אַזאַ מין שבתון...

אנשטאַט וואָס ביז יעצט איינמאָל אין חודש, זאָלן איצט די בית-יעקב ביימער צוויי מאָל אין חודש בליען און פירות געבן.

פון אַ חודש-זשורנאַל — אַ צוויי-וואָכן זשורנאַל ווערט בית-יעקב פון היינט אָן.

אַ נייע און אָריגינעלע יצירה איז דער בית-יעקב אין דער יידישער וועלט. און ניי איז אויך זיין אופן פון אַרבעט און נאָך מער זיין אופן פון רוען.

וואָס זאָלן מיר אים וואונטשן?

„ביי די צווייטע שמיטה אם ירצה השם, זאָלסטו דיך אָפּרוען און... ווערן אַ וועכנטלעכער זשורנאַל. און דערלעבן זאָלסטו דיין יובל, צו דער אמת-ער מנוחה און שביתה אַלס... סאַג-אָרגאַן ו"

# „די קלוגע פרוי בויט איר הויז!"

## פון שמואל אסטערזעצער

אשה טובה מונה טובה בחיק ירא אלקים תנתן (בן סירא)

**גאָר** גרויס זענען די אויפגאַבן פון דער פרוי פאַר דער גיגעבינער שעה. מיר קענען די אויפגאַבן טיילן אין דריי־ערליי: א) קעגן כלל, ב) קעגן הויז, ג) קעגן מאַן.

א) די פרוי האָט אויך אויפגאַבן קעגן כלל, קעגן אירע שוועסטער און ברודער. און זי האָט אויך זייער אַ סך כח צו טון פאַר זיי, זיי צו באַגליקן און צו באַגייסטערן. דאָס ערשטע בילד פון אַזאַ פרוי, שטייט אונדז פאַר די אויגן אסתר המלכה. מיר זעען דאָ אַ פרוי, וועלכע שטעלט איין איר לעבן און איז גרייט זיך מקריב צו זיין, כדי מציל צו זיין איר פאָלק. מיר מוזן זיך נאָר קלאָר מאַכן, אין וועלכן לעבנס־געפערלעכן מצב אסתר איז געווען, בשעת זי איז געגאַנגען בעטן אחשורושן צו דער סעודה, און נישט קוקנדיק אויף דער סכנה איז זי געגאַנגען ראַטעווען איר פאָלק. אַ צווייטע פרוי וועלכע איז מיט אַ סך שטריכן ענלעך צו אסתרן איז יהודית. אויך זי שטעלט איין איר לעבן און גייט ראַטעווען איר פאָלק פונים פיינט. און ביי ביידע זעט מען די גרויסע מדה, אַז זיי באַניצן זייערע פון ג—ט געשענקטע מתנות, זייער שיינקייט און זייער חן נישט פאַרן געוועהנלעכן און נידריקן, נאָר פאַר דעם הויכן און גרויסן אידעאַל צו העלפן זייערע שוועסטער און ברודער פון זייער נויט און זייער פאָלק צו שיצן. און אָט די מידות און מעשים לייגן אויף זיי אַרויף דעם חותם פון דעם אמתן יידישקייט און מאַכט זיי פאַר אַ פאָרבילד פאַר דער יידישער פרוי. מיר לערנען פון זיי, אַז אין דער שעה, ווען דער כלל איז אין אַ סכנה, זאָל אַ יידישע פרוי נישט קלערן פאַר זיך, נאָר אַלע אירע כחות מקריב זיין פאַרן כלל, און נאָר אים דינענדיק, זאָל זי באַנוצן אירע אייגנשאַפטן און אירע ג—טלעכע מתנות און דאָס וועט זי דערהייבן צו דער מדרגה פון דער עכטער יידישער פרוי.

אָבער נאָך עפּיס האָט די יידישע פרוי צו געבן אירע שוועסטער און ברודער, דאָס איז די באַגייסטערונג פאַרן אידעאַל. אויך די פרוי איז פעאיק אַ פירערן צו זיין און אַנדערע צו דערוועקן און באַגייסטערן פאַר דעם הויכן און דעם אידעלין: „ותען להם מרים שירו לה' כי גאה גאה" דערציילט אונדז די תורה. און רש"י זאָגט דערצו „משה אמר שירה לאנשים ומרים אמרה שירה לנשים". דעמזעלבן כח השירה, די זעלבע באַגייסטערונג, וואָס משה האָט געקענט געבן אין דער גרויסער שעה די מענער, האָט מרים דעמסטמאָל געגעבן די פרויען. און דאָס קען יעדע פרוי אָפט אַ סך בעסער ווי דער מאַן, ווייל די פרוי האָט בעצם מער הארץ ווי קאָפּ, מער וואַרים געפיל ווי קאַלטן פאַרשטאַנד און קען זיך און אַנדערע באַגייסטערן פאַר גרויסע זאַכן בעסער ווי דער מאַן. אויך די שירה פון דבורה הנביאה איז אַ ראיי' דערפאַר. זי האָט מער מוט און באַגייסטערונג באַוויזן ווי איר חבר ברק. אַחוץ דעם וואָס זי און אויך די אַנדערע ווייבערישע נביאות ווייזן אונדז וואָסאַרע מעלות און מדרגות די פרוי איז אימשטאַנד צו דערגרייכן אויב זי וויל.

פון דעם דור המדבר דערציילט אינדז דער מדרש: „באותו הדור הי' הנשים גודרות מה שהאנשים פורצים". אין יענעם דור האָבן די פרויען מתקן געווען, וואָס די מענער האָבן קאַלע געמאַכט. די מענער האָבן געמאַכט דאָס עגל הזהב און די ווייבער האָבן נישט געוואָלט געבן זייער צירונג דערצו, די מענער האָבן נישט געוואָלט גיין קיין ארץ־ישראל און די בנות־צלפחד האָבן געבעטן אַ חלק אין לאַנד. און דער מדרש באַמערקט נאָך איבער די בנות־צלפחד: „גדולה להן וגדולה לאביהן גדולה למכיר וגדולה ליוסף שכך יצאו ממנו נשים חכמות וצדקניות".

ב) בשעת די אויפגאַבן קעגן כלל קענען נאָר אויסגעפירט ווערן פון איינצלנע אויסדערוויילטע פרויען, זענען די אויפגאַבן קעגן הויז באַשטימט פאַר יעדער פרוי. דער מדרש דערציילט אונדז פון אונדזער מוטער שרה און רבקה, אַז ביי זייער לעבן האָט מען געזעען ביי זיי דריי זאַכן: דאָס ליכט האָט געברענט פון איין שבת ביז צום אַנדערן, די ברכה איז געווען אין טייג און אַ וואָלקן האָט גערוט אויף זייער געצעלט.

קוקט מען זיך גוט צו צו די ווערטער זעט מען, אַז די חז"ל האָבן אונדז אַ בילד געגעבן, ווי אונדזערע אמהות האָבן געפירט זייער הויז.

הנר דולק משבת לשבת: דאָס ליכט פון פרייטאָג אויף דער נאַכט וואָס ברענגט אין יעדער יידישער שטוב אַ האַרציק ליכטיקייט און אַן אמת פריילעכקייט און צופרידנקייט, וואָס פאַרטרייבט אַלע פינצטערע דאגות פון אַלע ווינקעלעך און מאַכט יעדן ייד צום בן מלך, אָט דאָס ליכט צינט אָן די יידישע פרוי. זי איז דער יסוד פונים הויז, וועלכע האָט דעם געוואַלטיגן כח, צו ברענגען אָט די ברכה און דאָס גליק אין איר שטוב. ביי איר ליגט דער אוצר פון פרייד און צופרידנקייט פון הייליקער ליכטיקייט און ליכטיקער הייליקייט. און אַזוי ווי זי עפנט איר אוצר און גיט אירע שבת מתנות איר גאַנצער משפחה, איר גאַנצן הויז, איז דאָ דער הייליקער שבת מיט זיין נשמה יתירה. אָבער די אמת גרויסע יידישע פרוי, די פרוי וועלכע איז מעין אונדזערע אמהות, האָט דעם גרויסן כח, אַז דאָס הייליקע ליכט צו לאָזן ברענען אַ גאַנצע וואָך, משבת לשבת אין איר הויז. זי קען די השפעה פון דעם הייליקן שבת, די הייליקע שבת־שטימונג אויפהאַלטן אַ גאַנצע וואָך אין איר הויז. אַז דער מאַן טרעט אַריין פון דרויסן אין איר געצעלט, פאַרגעסט ער אַלע דאגות פונים טעגלעכן לעבן, ס׳נעמט אים אַרום דאָס וואַרימקייט און דאָס אמתע האַרציקע פריילעכקייט וועלכעס איר געצעלט לאָזט שטראַלן פון אַלע ווינקעלעך, ער האָט פלוצים זאָס וואָכידיקייט פון זיך אָפּגעטרייסלט און פילט זיך דערהויבן, שבתדיק, אין אַ מקום קדוש. אַז יעדע יידישע פרוי איז בכח אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס נאָכצוטון אירע גרויסע מוטער, באַווייזט זי יעדן פרייטאָג אויף דער נאַכט. און זי קען, ווען זי וויל, אויך דאָס ליכט לאָזן ברענען משבת לשבת. אַ סימן און אַ מתנה האָט מען איר דערפאַר געגעבן די מצווה פון ליכט צינדן.

(ווייטער — זע ביי נומער 62)


## פאַרשפּעטיקט נישט!

אין די נאָנטסטע טעג קומט פאָר עפנטלעך אין לאָקאַל פון דער לאָדזשער „בנות" די ציאונג פון אונדזערע פּרעמיעס פאַר די, וואָס האָבן אויסגעקויפט אַ תרומת־חברה. אַזוי אויך וועט זיין די ציאונג פון דער פּרעמיע פאַר די זאַמלער.

**אַלע וואָס האָבן דערהאַלטן תרומת־חברה־ביכלעך ווערן אויפגעפאָדערט צוריקצושיקן די טאַלאָנען און די איבערגעבליבענע ביכלעך און קוויטן.**

דאָס געזאַמלטע געלט אָפּשיקן אין דער באַנק פ.ק אָ. 65.500 די קוויטן און טאַלאָנען אויף דער אַדרעס:

Sekretarjat B. A. I. Łódź skrz. pocz. 146

באַמערקונג: אויף די אָפּשניטן פון טשעק, וואָס ווערט געשיקט אין דער באַנק, נישט צושרייבן קיין שום קאָרעספּאָנדענץ נאָר די ווערטער „פאַר תרומת חברה"


הארכיון היהודי
ארכיון אסופות

פארביי דעם טייך, האבן אפילו נישט קיין השגה דערפון, אזוי זאל דאס פאלק ישראל. פירן „א אמת-יידיש הייליק לעבן און וויסן אז דאס גאנצע חיות פון ישראל באשטייט אין זיין תורה, פון וועלכע די ארומיקע וועלט האט אייך א גאר קנאפן באגריף.

בנו ליבע שוועסטער! דאס אליין איז שוין פאר אונדז א אנווייז, ווי אזוי אונדזער לעבן צו פירן, אלס די קינדער פון פאלק-ישראל.

און פאר אונדזער ארגאניזאציע-לעבן, לערנט אונדז דאס וואס אונדזער פאטער האט גיזאגט אלע זיינע קינדער: האספו ואגידה לכם, את אשר יקרא אתכם באחרית הימים — פארזאמלט אייך אלע און איך וועל אייך זאגן וואס עס וועט מיט אייך זיין באחרית הימים, דאס ווארט „האספו" דערקלערט רש"ר הירש ז"ל — באטייט: רייסט אייך אפ פון אלעם פרעמדן און גייט צוזאמין אין א בשותפותדיקן ציל. לאזט אייך אלע צוזאמין פון אט דעם ציל פארבינדן. א גייסטיקן צונויפבונד שאפט אייך! נעמט אויף אין אייער הארץ א פעסט גישלאסיגע באשטימטע אי-דעע. יעקב האט גיקענט די כאראקטערן די פארשידנארטיקע פון זיינע קינדער און ער האט זיי גיגעבן די ברכות אז ס'זאל צווישן זיי דאך הערשן א הארמאנישע אחדות. הקבצו — איר דארפט זעען צו זיין א פעסטער קיבוץ. און דערנאך זאגט ער — שמעו בני יעקב, פונים ווארט — שמע — עס זאל ביי אייך זיין א איבערגיגעבענע דיסציפלין. צו מיין צוואה ושמעו אל ישראל אביכם".

אט דא זעען מ'ר דאך, ליבע בנות-שוועסטער אונדזער גאנצער פראגראם, אונזער אויפגאבע איז אויך „הקבצו, האספו, און שמעו", פאראייניקונג, אחדות, און דיסציפלין מוז אונדזער גאנצער ארבייט אדורכדרינגין. דעמלט, וועט זיין „ויחי יעקב", וועט יעקב'ס-גייסט לעבן אין פאלק ישראל.

# א בריוול קייז רומעניע

וואס קענין מיר אייך מער שיקען
ווי א ברודעריש ווארט,
נישט קיין חילוק וואו מיר וואוינין,
צי דא אין מערב
צי אין מזרח דארטן,
מיר פילן אומיטום
דעם שונא'ס רוט.
און הפקר איז אומיטום
נאך, יידיש בלוט...

אליעזר שינדלער

רעדאקציע-שלוס פון קומענדיקן נומער — שפעטסטנס זונטיק פרשת וארא — אנאנסן וואס ווערן נישט באצאלט פריערויס ווערן נישט גידרוקט!

# פעדער-שפריצן

## איינאיינציקער גראשן!

אין קיין גרעסערן סכום ווענט עס זיך טאקע נישט. דער בודזשעט פון אונדזער'ע אבאנענטען ווערט פארגרעסערט מיט איין גראשן א טאג. ביז אצינד האט גיקאסט א קווארטל צוויי גילדן און יעצט קאסט דריי, הייסט עס, אז ס'וועט אויס-מאכן א גראשן א טאג טייערער. פרעגט זיך א פשוטע שאלה: וואט האט דא צו זאגן א שווערע צייט און נאך אזעלכע טענות? אונדזערע פריינט פארשטיין דאך, אז די אדמיניסטראציע האט גיקענט מוותר זיין דערויף איינגאנצן און ארויסגעבן יעדן חודש. אז מיר געבן דעמזעלבן פארמאט און דער פרייז איז פארביליקט, איז עס דאך זיכער נישט קיין גע'עג באך רווחים...

מיר האבן אבער תמיד פארן אויג נישט דעם חומר'ישן פאר-דינסט, נאר דעם רוחניותדיקן און דאס וועט *בעזה"ש זיין דערגרייכט. באזונדער איז דאס גיוועזן דער בפירושער פאר-לאנג פון רוב לייגער און נאכמער א באשלוס פון דער בנות-קאנפערענץ, וועלכער האט גימוזט אויסגיפירט ווערן!

מיר גלייבן נישט, אז צוליב איינאיינציקן גראשן, זאל זיך אפזאגן אפילו איין אבאנענט אויף להבא. מיר גלייבן נישט, אז אונדזערע פארשפרייטער זאל נישט גילונגין אויפצוקלערן, אז אייגנטלעך איז אצינד דער זשורנאל אויף א העלפט ביליקער. מיר גלייבן נישט, אז מ-זאל נישט קענין איבערצייגן, אז א גראשן א טאג איז אפילו פון ארימסטן נישט קיין גרויסער קרבן אפצושפארן!

דער עיקר: רצון און גיטריישאפט צו דער זאך און אונדזער נייע אונטערנעמונג גייט בע"ה מיט ערפאלג. דער באוואוסטזיניקער יידישער עולם וועט נישט זיין אזוי אומבא-רעכנט, בפרט אונדזערע חברות און עסקנות, זיי וועלן זיכער אפשאצן דעם גרויסן כבוד פאר דער גאנצער ב"י און בנות-באוועגונג, אז זייער איינציקער ארגאן זאל זיין כאטש צוויי מאל אין חודש!

# פארן גיזונט פון אונדזערע קינדער!

די שול-ארגאניזאציע „בית יעקב" האט אונטערגינומין א וויכטיקע זאך. עס איז גיקויפט גיווארן א פלאץ און ס-זאל אויפגיבויט ווערן א ספעציעלער בנין פאר א זומער-קאלאניע פאר אונדזערע קינדער. דידאזיקע קאלאניע זאל זיין א צענטראלע אינסטיטוציע פאר אלע „בית יעקב" שולן פון גאנצן לאנד, נו פארשטייט זיך דאך, אז מען דארף האבן דערצו מיטלין, דאס בנין האט א בודזשעט פון בערך דרייסיק טויזנט גילדן.

איז עס אזא הון רב? איז טאקע נישט מעגלעך אויפצוברענגין אזא סכום? די גרינדער פון דער זאך זענין דערווייל ארויס מיט א באשיידינער אקציע. עס זענין צושיקט גיווארין ספעצ-יעלע קארטן צו האלבע גילדנס און יעדע שולע זאל זיך מתחייב זיין, לויט די צאל קינדער, צו זאמלין אזוי פיל פופציקער גראשנס!

באמת נישט קיין שווערע זאך. ווען אלע אונדזערע עסקנים זאלן נאר אביסעלע פערשטענדניס האבן, וועגן דער זארג פארן גיזונט פון אונדזערע קינדער, קאן די אקציע אדורכגיפירט ווערן גאנץ לייכט.

מיר האבן אן עין-הרע ביז דרייסיק טויזנט תלמידות אין די ב"י שולן און ווען מ-זאל די אקציע אומיטום אדורכפירן, איז שוין א העלפט פונים גאנצן בודזשעט גידעקט און די אנדערע העלפט וועט שוין גרינג אנקומין צונויפצושטעלן פון פארשידינע נדבנים! לאמיר האפן, אז אונדזערע באוואוסטזיניקע טוער, לערערנס און אויך בנות-חברות, וועלן אין יעדן ארט ענערגיש די זאמל-אקציע באלד פארענדיקן.


בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 061 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 6 מתוך 20

# פעלקער, ראַסן, יידן

פון ד״ר שלמה בירנבוים

**איך** פריערדיקע צײַטן האט מען ווײַניק גיטראַכט וועגן ראַסן. מ-האט, פאַרשטײַט זיך, גיזען און גיוואוסט, אַז ס-זענען פאַראַן געלע, ברוינע און שוואַרצע מענטשן, אבער קיין נאַטור-וויסנשאַפטלעכע סיסטעמין האָט מען וועגן דעם נישט גיבויט.

אין די לעצטע הונדערט יאָרן אבער איז אויסגיוואַקסן אַ גאַנצע וויסנשאַפט וועגן די פאַרשידינע מינים פונים מענטש. מ-האט צוגיטראַכט סיסטעמין.

אָנגיהויבן האט זיך עס מיט די לשונות. גאַנץ פשוט: אַלע פעלקער, וואָס זייערע לשונות זענין קרובים, זענין הייסט עס אַליין אויך קרובים, פון איין ראַסע, די דאזיקע ראַסע האט אמאָל גיוואוינט אין איינים און גירעדט טאַקי איין לשון. שפּעטער האט מען זיך צוואַנדערט און ס-זענין אויסגיוואַקסן באַזונדערע לשונות.

ס-האָט נישט גידויערט זייער לאַנג. האט מען גיפונין אַז לשון מיט ראַסע האָט גאָר נישט צו טון. אַ נעגער, וואָס רעט ענגליש, איז דאך צוליב דעם נאך נישט קיין טייל פון דער „אינדאגער-מאַנישער ראַסע". און אַ ייד, וואָס רעט דייטש אדער רוסיש אַ-ער יידיש, איז אויך קײַן „אינדאגערמאַנער" נישט...

איינער פון די ערשטע גילערנטע, וואָס האט גיהאלפן אויפבויען די טעאריע וועגן די אינדאגערמאַנער אדער אַריער, איז גיווען דער גרויסער לינגוויסט *) מאַקס מילער, אַ דייטש אין ענגלאַנד. און ער האט דערנאָך גישריבן: „אַנ-עטנאלאג**), וואָס רעט וועגן אַנ-אַרישער ראַסע, וועגן אַריש בלוט און אַרישע האָר, דער איז בײַ מיר פונקט אַזאַ גרויסער חוטא, ווי אַ לינגוויסט, וואָס רעט וועגן אַ ווערטער-בוך מיט אַ לאַנגן שאַרבן אדער וועגן אַ גראַמאַטיק מיט אַ קורצן שאַרבן. ס-איז ערגער ווי מעשה בבל — ס-איז ממש אַ רמאות. אַז איך רעד וועגן אַריער, מײַן איך נישט קײַן בלוט און נישט קײַן ביינער, נישט קײַן האָר און נישט קײַן שאַרבן. כ-מײַן פשוט יענע מענטשן, וואָס רעדן אַנ-אַריש לשון.

די „ראַסן-טעאָריע" איז גיוואָרן זייער וויכטיק פאַר יידן. וואָרן זי האָט נישט נאָר גלאַט אַוועקגישטעלט די אינדאגערמאַנישע ראַסע צווישן אַנדערע, נאר זי האט אויך גיזאָגט, אַז זי איז דער בחיר צווישן די ראַסן, די אמתע קולטור-ראַסע, שפּעטער אין דאָס אַפילו אַריבערגיטראָגן גיוואָרן אויף דער גערמאַנישער ראַסע אַליין (דייטשן, האָלענדער, ענגלענדער, שוועדן, נאָרוועגער, אא״וו) נאָר מ-האָט דאָך גימוזט זען אויך נישט-גערמאַנישע פעלקער, וואָס בײַ זיי האָט מען נישט גיקענט אָפּלייקינין גרויסע קולטור-אויפטוען, האָט מען זיך גיגעבן אַ פשוטע עצה: יענע פעלקער אָדער נאר די גרויסע יחידים בײַ זיי, וואָס האָבן באַשאַפן די אויפטוען, האָט מען פשוט מגייר גיווען, זיי גימאַכט פאַר גערמאַנין. און גיי, טו זיי עפּיס...

**און** אַזוי ווי די יידן זענין דאך אַוודאי נישט קיין אַריער און אַוודאי און אַוודאי נישט קיין גערמאַנין, זענין זיי דאך נישט פון דער ייחוסדיקער משפחה. איז זייער קולטור נישט אַזוי הויך, זענין זיי נישט אַזויפיל ווערט ווי די, וואָס האבן די דאזיקע טעאריע. און דאָס האט דער פשוטער אַנטיסעמיטיזם שוין גינומין אויף זיינע כלים און גוט גיאַרבּיט דערמיט.

אַגב אורחא: דער פועל יוצא דערפון בײַ יידן — ד״ה בדרך כלל בײַ די אַסימילאַטאָרן — איז גיווען אַ מאדנער: זיי האבן גיטעניט, אַז ראַסע איז גאָר נישט, ס-לוינט זיך נישט צו רעדן וועגן דעם, צו קולטור האט עס נישט קיין שייכות, דער עיקר איז דער „גייסט" וכדו׳ אַזוינע גוזמות.

---

*) וויסנשאַפטלער וועגן לשונות

**) וויסנשאַפטלער וועגן פעלקער

אין דער וויסנשאַפט איז די לינגוויסטישע ראַסן-מאָדע שוין לאַנג אַריבער. שוין אַריבער אַנדערע מאדעס נאָך איר. אבער די שווערע פּראָבלעמין פונים שייכות צווישן ראַסע-פאָלק-אמונה-מלוכה זענין גיווײַנטלעך נאך נישט פאַרענפערט גיוואָרן. היינט איז נישטאָ קיין פעסטע טעאריע, וואָס אַלע וואָלן מסכים זיין צונ-איר יסוד.

זייער אַנ-אינטערעסאַנטער פּרוּוו איז אין די לעצטע יאָרן גימאַכט גיוואָרן פון אַ יונגן דייטשן גילערנטן, ד״ר לודוויג פערדינאַנד קלויס, וואָס האט גישריבן פאַרשידינע ביכער און מאמרים מכּוח דעם ענין „ראַסע. בפרט דאָס לעצטע בוך זיינס איז גאָר אינטערעסאַנט פאַר יידן, וואָרן צווישן די 231 פאטאגראַפישע בילדער זענין כּמעט אַ דריטל יידן. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש, ווייל זייער פּראצענט אין דער וועלט איז דאך אַ נישטיקער.

קלויס זאָגט זיך אין גאַנצן אָפּ פונים פריערדיקן מעטאָד פון אויספּאַרשטן די ראַסן, פריער פלעג מען אַרביטן מיט מעסטן און ציילן. מ-האט גימאַסטן, ווי לאַנג איז דער שאַרבן און ווי גרויס איז זיין ברייט, און אויסגירעכנט דאָס שייכות פון לאַנג צו ברײַט, מ-האט דורכגישניטן די האָר און אָנגיקוקט דעם שניט אין מיקראסקאפ, מ-האט פאַרשריבן דעם קאליר פון די האָר און פון די אויגן. די הייך פון אַ מענטש האט מען גימאַסטן ביז אַ מילימעטער, אאַ״וו. און פון די אַלע זאכן האט מען גימאַכט גרויסע רשימות, גיציילט און גירעכנט, און צוטיילט לויט דעם די ראַסן.

דאָס איז גיווען אַ נאַטור-וויסנשאַפטלעכער מעטאָד. מ-איז דערבײַ נישט גיווען אויסגיהאַלטן, און מ-האט גיטון אַ זאַך, וואָס איז אין תוך אַרײַן גאָר אוממעגלעך: פון נאַטור-וויסנשאַפטלעכע פאַקטן פלעג מען דרינגין פסיכאלאגישע און רוחניותדיקע. קלויס זעט די דאזיקע סתירה און קריטיקירט זי שאַרף. מיט מעסטן און וועגן קען מען נישט צוקומין צו דער נשמה.

זיין אַנטראפּאלאגיע *) ווײל זיין אַ צווייג פון דער פּסיכאלאגישער וויסנשאַפט. ראַסע, זאָגט ער, איז נישט קיין סך-הכּל פון מידות אדער סימנים. ראַסע איז אַנ-אינעווייניק גיזעץ, אַ גיזעץ פון דער נשמה. די חילוקים פון די ראַסן, דאָס זענין חילוקים פון פאַרשידינע סטילן. איין סטיל איז אַזוי, דער אַנדערער איז אַזוי, — ווער קען זאָגן, דער איז בעסער אדער יענער איז שענער? ווער קען טענין, גאטישע פּאַליצן זענין שענער פון ראמאַנישע, אדער פאַרקערט? פונקט אַזוי ווייניק קען מען גיין אויספּאַרשטן, וואָסער ראַסע איז מער ווערט פון אַנ-אַנדערער. אַזוי האט מען אבער גיטון בײַ דער אַריער - אָדער גערמאַנין-טעאריע. גיזוכט, ווער ס-האט דעם „גרעסטן טאַלאַנט", למשל „צו קולטור". דאָס איז פשוט שטות, זאָגט קלויס. וואָרן אַז מען נעמט זיין אייגינע מאָס אויף צו מעסטן זיך אַליין און יענים, וועט זי, פאַרשטייט זיך, בעסער זיין צוגיפּאַסט צו זיך אַליין ווי צו יענים.

קלויסנס אַרביט בויט זיך אויפ-ן יסוד פון דער פענאמענאלאגיע, דעם פילאסאפישן סיסטעם פון הוסערל. דערווייל האט ער אויסגיפּאַרשט אַ טייל פון אייראָפּע און אַציגד גיפינט ער זיך שוין אַ פּאָר יאָר אין ארץ-ישראל. זיין מעטאָד איז, אַז ער לעבט צווישן די מענטשן, וואָס ער פאַרשט אויס. ער וויל לעבן מיט זיי. ער וויל דערגיין זייער נשמה, ער וויל פילן זייער גיפיל.

---

*) וויסנשאַפט וועגן מענטש



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 061 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

יענים, ווען מען זי דינט, און אַלימין, ווער ס-געפינט זיך נאָר דאָרטן.

— די בילדער זענען פון מערב-אַזיע און דייטשלאַנד.

די יידישע בילדער פונים בוך געפינען זיך צווישן אַלע פיניף טיפן. דאָס רוב קער טאַקי צום גאולה-טיפּ, אדער אין גאַנצן,

אדער ער איז דער עיקר-עלעמענט פון אַ נשמה.

עטלעכע פון די דאזיקע פנימער „זען נישט אויס יידיש". דער טעם דערפון איז לויט קלויסן אט וואָס: אַ פאָלק שטעלט זיך צונויף פון מער ווי איין טיפּ פון די דערמאָנטע פיניף, און דערצו קומען נאָך די אויסמישונגען זייערע. די טיפּיק פון אַ פאָלק ווייזט זיך אין אַ געוויסן אופן פון פאָרמען די צורה. אַזוי ווי ביי אַלע פעלקער איז אויך ביי יידן. אמת טאַקי, תחילת איז איין

טיפּ געווען דער עיקר, און דאָס איז געווען דער גאולה-טיפּ.

וואָס האט ביי יידן געפאָרמט די צורה? דאָס דערציאונג דורך דער היסטאָריע: דאָס צושפּרייטונג אין גלות. דאָס איז איינס. דאָס אַנדערע איז דאָס תּופס זיין און דער אויפפיר פונים מענטש: פונים גאולה-טיפּ. „דער אוצר פון בילדונג, וואָס איז פאַרשריבן מיט ווערטער, איז בדיוק צונויף גינומען געוואָרן" און האט זיך דורך דעם יידישן חינוך טיף אַריין געצייכנט אין יידישן פנים

אַריין.

הארכיון היהודי

דער מחבר זאָגט, אינ׳ם היסטאָרישן אויסטאַקט פון אויפלעבן פאָלק רופט אַרויס למשל דאָס גלייבן, אַז אַ געוויסער טיפּ איז שוין איין מאָל איינער אין דער וועלט דער בעסטער, דאָס רוחניותדיקע

וואַקסן און באַשעפערישע מעשים.

נאָר פון דער אַנדערער זייט קען עס אויך אַרויסברענגען נישט-נאַטירלעכע מניעות און אַ פוסטקייט, אַ „פּרושימדיקייט". מיר זעען, אַז דאָס איז אַ משל, וואָס לערנט אָפּ פון דער יידישער היסטאָריע.

נאָר ס-איז נישט קיין ראַי׳. די אמונה פון יידן בנוגע צו „אַתה-בחרתנו" איז נישט דאָס גלייבן אין אַ געוויסן טיפּ. איר תּוכן איז דער אָננעם פונים רוחניות, וואָס האָט פון יענער זייט פון דער וועלט אויסגעצויגן זיין האַנט און אָנגענומען דאָס יידישע פאָלק — דרך אגב: וואָסער טיפּ, וועט קלויס זאָגן, איז דער תּוכן פון אַתּה-בחרתנו? דער גאולה-טיפּ אָדער דער שליחות-טיפּ? מיר זען דאָך ביידע אין דער יידישער היסטאָריע. ס-וועט אויסקומען צו זאָגן, אַז איינער, דער שליחות-טיפּ, איז פּלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן, און אויף זיין אָרט איז געקומען דער גאולה-טיפּ. דער הייליקער מענטש, דער צדיק, אויפן אָרט פונים שליח פון ג—ט. פאַרוואָס אַזאַ איבעררייס? — איז דען מעגלעך, אַז יידן האָבן זיך אַליין אָפּגינאַרט טויזנטער יאָרן, אַז זיי האָבן געמיינט, אַתּה-בחרתנו איז עפּיס פון יענער זייט וועלט, און אין אמתן האָבן זיי פּשוט געוואָלט לעבן, ווי זייער טיפּ גלוסט זיך, ווי די נאַטור האָט גיבאָטן? — די ווערטער „פוסטקייט" און „פרושיות" ווייזן אבער און אבער אַ מאָל, אַז אַפילו אַ גוטע כּוונה ווערט געפירט און פאַר-פירט פון אַלטע איינגעחזרטע מיינונגען, וואָס מ-האָט שוין פון

פריער, נישט קענענדיק דאָס ענין.

דאָס פאָרימונג פון דער צורה איז נישט אין גאַנצן בשותפות ביי אַ פאָלק. פאַראַן עטלעכע טיפּן, טיפּן פון שבטים. אַזוי אויך ביים יידישן פאָלק. קלויז ברענגט אשכנזישע, ספרדישע, תּימנישע, פּערסישע און אַנדערע יידן. ער זאָגט צו, אויסצופאָרשן די יידישע טיפּיק, און מען קען מיט גרויס אינטערעס אַרויסקוקן

אויף דעם פּועל-יוצא.

וועגן דעם טיפסטן שייכות פון נשמה צו גוף רעט זיך אין דעם בוך נישט. דאָס האט שוין נישט צו טון מיט-ן מחברס אַרבעט.

אָבער די דאָזיקע שאלה הייבט זיך אויף תּיכּף ומיד. אין אַנ-אַנדער בוך רעט ער אַמאָל דערפון, ווי דער טיפּ פון איין סטיל ווערט „איבערגיבראָכן" פון אַנ-אַנדערן סטיל. ווי קען דאָס זיין? פרעגן מיר. נישט אַנדערש. די לייבער האָבן זיך גימישט. נאָר ווי אַזוי קענען זיך דורך דעם מישן די נשמות? — ער רעט אַ מאָל פון נשמות, וואָס „דורכן אויסנווייניקן גורל" פאַרמאָגן זיי אַ גוף, וואָס איז נישט אין הסכּם מיט דעם גיזעץ פון זייער מין

פרעגן מיר ווידער: ווי אַזוי קען דאָס זיין? — ער רעט אַ מאָל וועגן דעם, אַז אַ נשמה קען זיך אויף דער עלטער אַריבער גליטשן פון איין גיזעץ פון מין צו אַן-אַנדערן גיזעץ פון מין, ווייטער די קשיא. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

און ווידער אַ פּראָבלעם: די שאלה פון די היסטאָרישע שייכותן. פון זינט מיר קענען די היסטאָריע, בויען זיך די מענטשלעכע ציבורים אויף אַנדערע יסודות: אמונה, פאָלק, מלוכה מיט אַ סך פאַרקניפּונגען. וועגן ראַסן זעען מיר, דאַכט זיך, גאָרנישט. פרעגן מיר דאָך: וואו איז אַזאַ פאַקטאָר? און וואָס האט ער צו טון

מיט אונדז, מיט אונדז אַליין?

די וועלט איז היינט פול מיט ראַסן-פּראָבלעמען. און מיט שווערי-קייטן וואָס ווערן דורך דעם באַשאַפן. די ווייסע, די שוואַרצע און די אינדיער אין דרום-אַפריקע, די שוואַרצע אין אַמעריקע. די געלע און אַ״וו און אחרון אחרון חביב, טאַקע מיר יידן אַליין וואָס מיר זענען אומעטום אַריין געשטעלט צווישן פרעמדע ראַסן.

י. הלוי בירנבוים

# אַקראַבּצן פּערל

(געזאַמלט פון תּלמוד, מדרשים און אַנדערע ספרים)

האָסטו ערוואָרבן וויסן וואָס פעלט דיר,
פעלט דיר וויסן וואָס האָסטו ערוואָרבן?... (תנחומא ויקרא פ"א)

וואָס דו האָסט פיינט,
טו נישט דיין פריינט. (שבת ל"א)

דריי, וואָס זייער לעבן איז נישט קיין לעבן:
ווער עס טוט זיך צופיל דערבאַרימען,
ווער, ס-איז שטענדיק פול מיט צאָרן,
און דער, וואָס גאָרנישט, שטעכט אים ווי אַ דאָרן. פסחים קי"ג)

ווען מען עס האָט אַ שלאַנג גיביסן,
האָט פאַר אַ שטריק אויך מורא. (שה"ש רבה)

געווינען הייסט—ווער ס-קויפט,
פאַרלירן—ווער ס-פאַרקויפט. (ב"מ נ"א)
(ווייל געלט גייט אַוועק)

דער וועג פון די יידישע טעכטער איז:
נישט קיין שרייערנס,
דער טריט נישט שטאָלץ,
און נישט זיין אויפגעריסן אין געלעכטער. (תנחומא נשא ס"ב)

אַלעס אין זיין צייט:
אין דער צייט פון פרייד,
זיי פריילעך, צעשטרייט. (ב"ר פכ"ג-ד, רש"י סוף בראשית)

די צונג איז די פעדער פון האַרץ... (חובת הלבבות ש' הענוות)

ווער ס-נעמט אויף אַ מענטש מיט אַ פריינטלעך פנים,
אַפילו ער גיט אים גאָרנישט,
— ווי ער וואָלט אים געשענקט די טייערסטע מתנות. (אדר"נ פי"ג)

אַזוי ווי אייל פאַרמישט זיך נישט מיט אַנדערע געטראַנקען,
אַזוי די יידן פאַרמישן זיך נישט מיט אַנדערע פעלקער. (שה"ש רבה פ"א-ג)





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 061 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# בְּרְכִי נַפְשִׁי

לויב מיין נשמה דעם אייבערשטן ! באַשעפער מיין האַר, דו ביסט זייער גרויס.
ביסט אנגיקליידט אין פראַכט און שיינקייט.
ער הילט זיך איין אין ליכטיקייט ווי אין אַ מאַנטל, נייגט די הימלען ווי אַ טעפּיך.
ער באַלקנט מיט וואַסער זיינע שפּייכלערס, מאַכט פון וואָלקנס זיין וואָגן,
און שוועבט אויף די פליגלען פון ווינט.
פאַר זיינע שלוחים מאַכט ער די ווינטן, פאַר זיינע משרתים די פלאַמידיקע בליצן.
ער האָט גיפעסטיקט די ערד אויף אירע זיילן, זי זאָל שוין נישט וואַרפן זיך, אייביק און אייביק.
דעם אָפּגרונט פון ים האָסט דו ווי מיט אַ קלייד איבערדעקט,
איבער די בערג זענען גישטאַנען די וואַסערן.
פאַר דיין גישריי זענען זיי אַנטלאָפן, פאַר דעם קול פון דיין דונער דערשראָקן אַוועק.
גיהויבן האָבן זיך בערג, גינידערט טאָלן, צו דעם אָרט וואָס דו האָסט פאַר זיי גיגרינדעט.
אַ גרעניץ האָסט דו פאַר זיי גימאַכט, זיי זאָלן נישט אַריבער און נישט ווידער באַדעקן די ערד.
ער שיקט קוואַלן אין די טאָלן, צווישן בערג פלייצן זיי.
זיי טרענקען די חיות פון פעלד, די ווילד-אייזלען שטילן זייער דאָרשט.
איבער זיי וואוינען די פייגל פון הימל, פון די צווייגן אפיר לאָזן זיי הערן דאָס קול.
ער טרינקט אָן בערג פון זיינע טאָרימס, מיט דער פּרי פון דיין ווערק זעטיקט זיך די ערד.
ער לאָזט שפּראָצן גראָז פאַר דער בהמה און קרויט פאַר דער אַרבעט פון מענטש,
אַרויסצוברענגען ברויט פון דער ערד.
און ווין צו דערפרייען דעם מענטשנס האַרץ, אַז דאָס פנים זאָל גלאַנצן פון אייל,
און ברויט וואָס דערקוויקט דעם מענטשנס האַרץ.
עס זעטיקן זיך דעם אייבערשטנס ביימער, די צעדערן פון לבנון, וואָס ער האָט גיפלאַנצט.
וואו די פייגל נעסטן דאָרט. דער באָטשאַן — טענענביימער זענען זיין הויז.
בערג, די הויכע, זענען פאַר די ווילדע ציגן, פעלזן, אַ באַהעלטעניש פאַר האָזן.
ער האָט גימאַכט די לבנה פאַר די צייטן, די זון ווייס איר שקיעה.
מאַכסט דו פינצטער ווערט נאַכט, קריכן דעמלט אַלע חיות פון וואַלד.
די יינגע לייבן שרייען נאָך דעם פאַרציקטן און בעטן ביי ג-ט זייער שפּייז.
שיינט אויף די זון באַהאַלטן זיי זיך און שטרעקן זיך אויס אין זייערע ערטער.

**דערנאָך** גייט דער מענטש אַרויס צו זיין ווערק, און צו זיין אַרבעט ביז פאַרנאַכט.
אַ סך זענען דיינע ווערק באַשעפער, מיט חכמה האָסטו זיי באַשאַפן אַלע, פול איז די ערד פון דיין באַשטאַנד.
דאָ דער ים, גרויס און ברייט אויף אַלע זייטן, דאָרט דאָס קריכונג אָן אַ צאָל פון קליינע און גרויסע חיות.
דאָרט גייען שיפן. און דעם לויתן האָסט דו באַשאַפן זיך דאָרט צו שפּילן.
זיי אַלע האָפן צו דיר, דו זאָלסט זיי געבן שפּייז צו דער רעכטער צייט.
דו גיסט זיי, זיי קלויבן צונויף, דו מאַכסט אויף דיין האַנט, זיי זעטיקן זיך מיט גוטס.
באַהאַלטסט דו אָבער דיין פנים, ווערן זיי דערשראָקן, נעמסט אַוועק זייער גייסט, פאַרגייען זיי
און קער, צוריק צו זייער שטויב.
דו שיקסט ווידער דיין גייסט ווערן זיי ווידער באַשאַפן און דו באַנייסט דאָס פנים פון דער ערד.
ג-טס הערלעכקייט גידויערט אייביק, עס פרייט זיך דער באַשעפער מיט זיינע ווערק.
ער קוקט אויף דער ערד, און זי ווערט דערציטערט, רירט אָן די בערג קומט פון זיי אַרויך
איך וויל זינגען דעם אייבערשטן מיין לעבן לאַנג, לויבן מיין האַר אַזוי לאַנג איך בין דאָ.
זאָל אים גיוועליקט זיין מיין תפלה. איך פריי מיך מיט דעם באַשעפער.
פאַרלענד זאָלן ווערן די זינד פון דער ערד, און ס-זאָלן קיין רשעים שוין נישט זיין.
לויב מיין נשמה דעם אייבערשטן ! לויבט צו ג-ט !

גיטייטשט פון **אליעזר שינדלער**

ארכיון תשובות


## „די יידישע נשמה“
פון
## אליעזר שינדלער
מיט אַ הקדמה פון
## דר. נתן בירנבוים

ווערט זיין דאָס ערשטע פיין-
ליטעראַריש אָרטאָדאָקסישע
לייענבוך פאַר שול
און היים !

# ר' מעשל קאצקער דער שומר פון כותל-מערבי

## פון בנימין מינץ, תל-אביב

זייט דער עליה פון דער ערשטער חסידים-חברותא קיין ארץ-ישראל אין יאָר תקל"ז אונטער דער אָנפירונג פון ר' מענדל וויטעפסקער זצ"ל — האָט שוין דאָס עולה זיין פון חסידים נישט אויפגיהערט ביזן הייניטיקן טאָג.

ביחידות און אין גרופן זענען זיי גיקומען און פון אַלע שטרע־מונגין: פון די הייסע בראָסלאָווער האַרץ-מענטשן ביז די חב"ד-ער בעלי מוח און ביז די תלמידים פון לובלינער „חוזה" ז"ל, וואָס האָבן פאַראייניקט אין זיך דאָס האַרץ-מוח; פון וואָלין, אוק־ריינע, גאַליציע, רייסן, ביז די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון גרויס און קליין פוילן.

גיפעלט האָבן בלויז די קאָצקער. מ-האָט נאָך אין ירושלים נישט גיהאַט גיזען קיין קאָצקער חסיד, און נישט, ווייל אין זיי האָט נישט גיברענט די תשוקה צו ארץ-ישראל, נאָר פשוט, זיי האָבן זיך נישט גיקענט שיידן פון רבין. און אַ תירוץ האָבן זיי גי־האַט, וואָס זיי האָבן אים אויסגידרוקט מיט אַ ווערטל: ק אָ צ ק גימטריא (באַטרעפט) א ר ץ.

אָבער נאָכדעם ווי דער קאָצקער רבי ז"ל איז נפטר גיוואָרן און אין עטלעכע יאָר אַרום איז זיין ממלא מקום גיוועזן דער „חידושי-הרי"ם" ז"ל — האָבן זיך אַ סך קאָצקער חסידים אָנגיהויבן זיך גרייטן צו דער נסיעה קיין ארץ-ישראל.

דער ערשטער קאָצקער חסיד, וואָס איז עולה גיוועזן קיין ארץ-ישראל, איז גיוועזן ר' הלל משה מעשל געלבשטיין, וואָס האָט כמעט זיין גאַנץ לעבן זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון כותל-מערבי.

זומער תרכ"ט איז ער גיקומען קיין ירושלים און באַלד דעם ערשטן טאָג גיגאַנגין באַזוכן דעם כותל-מערבי.

אַ סך האָט ער זיך גיגרייט צו דער דאָזיקער גיהויבינער מינוט. ער האָט מיחד גיווען יחודים כדי צו קענין מקבל זיין בקדושה די שכינה, וואָס האָט זיך נישט אָפגיטון פון כותל ביז-ן הייניטיקן טאָג. וואַקלנדיק זיך פון גרויס אויפרעגונג, איז ער גיגאַנגין איבער די שמוציקע, קרומע געסלעך, וואָס פירן צום כותל — און פון זיינע אויגן האָבן גירונין טרערן. ווען ער איז אַריינגי־קומין אין חצרל, וואָס פאַרן כותל, האָט זיין האַרץ אָנגיהויבן שטאַרק קלאַפן, ער איז אין גאַנצן אין זיך צוזאַמיגיפאַלן. ער האָט גאָר נישט פארשטאַנען דאָס [illegible]ס-לעצטע איבער־בלייבניש פון בית המקדש? דער לעצטער זכר פון ג-טס הויז און פון ישראל-ס פראַכט? אַ אַנדערש האָט ער עס זיך פאָר־גישטעלט אין זיינע חלומות און פאַנטאַזיעס. ער האָט גיטראַכט וועגן תפארת שבהוד, — און דאָ האָט ער פאַר זיך, מיסט, אומריינקייט און פאַרוואָרלאָזטקייט. און דאָס לאָזן יידן צו? איז דען נאָך אַ פלא, וואָס משיח איז נאָך נישטאָ?

און אין דער דאָזיקער רגע האָט ער אין האַרצן אַ נדר גיטון, אַז ער וועט צוליב דער כותל נישט שווייגן און אויף אים ליגט דאָס דער חוב צו פאַרבינדן די יידישע הערצער פון גאַר דער וועלט מיטן כותל-מערבי.

אין כותל, דעם לעצטן איבערבלייביגיש פון די הייליקייטן — האָט ער גיזאָגט — ליגט דער פונק פון דער גאולה, מיר דאַרפן אים נאָר צו בלאָזן, אויפוועקן דורך אַ אתערותא דלתתא — א אתערותא דלעילא — און די גאולה איז נאָנט. דעריבער דאַרפן מיר היטן די כותל, ריייניקן, און מאַכן דאָז אָרט פאַר אַ בית תפלה פאַרן גאַנצן פאָלק.

אויף די פליגלין פון קבלה, גימטריאות און נוטריקין, איז גי־פלויגן דעמלט ר' מעשל און פון דער הויך גיוועזן דאָז גרויס־קייט און נויטקייט פון זיין גידאַנק. ער האָט אויך גיפונין רמזים אַז דוקא אין דעם דאָזיקן יאָר תרכ"ט, וועט דער דאָזיקער סוד נתגלה ווערן.

ער האָט שוין אָבער דעמלט פאַרשטאַנין, אַז כדי ס-פאָלק זאָל שטיצן זיין רעיון, מוז ער וויזן עפּיס אַ בפירושע הלכה וועגן דעם ענין. און כאָטש ער האָט נאָך אַליין נישט גיוואוסט, וועלכע עס איז, האָט ער זי אָבער, די הלכה, שוין אין דער פאַנטאַזיע גיזען. און שוין דעמלט האָט ער גיוואוסט, אַז באַלד וועט מקוים ווערן, וואָס אין פסוק שטייט „אָז ימלא שחוק פינו", אַזוי צו זאָגן, אַ זאַך, וואָס דער אר"י ז"ל האָט נישט מגלה גיוועזן צו ר' חיים וויטאַל ז"ל וועט נתגלה ווערן דורך אַזאַ שפל און בזוי ווי איך בין".

און אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט דער רעיון שוין באַקומין די באַשטימטע צורה. און ער האָט זיך שוין דערלויבט אים צו פערעפנטלעכן. ער דערציילט:

„פאַר ראש השנה אין יאָר תר"ל איז מיר איינגיפאַלן צו לע־ריגין מסכת תמיד: אין דריי ערטער היטן די כהנים אין בית המקדש. (זאָגן די מפרשים: נישט צוליב אַ מורא פאַר אַ גניבה נאָר צו היטן דעם בית המקדש פון זיין כבוד וועגן, אַזוי ווי אַ קיניגלעכן פאַלאַץ). און אַזוי האָבן מיר גילערנט אין אָנהייב פון מסכת מדות: און די לויים היטן אים אין איינאונצוואַנציק ערטער. איז מיר באַלד איינגיפאַלן, דאָס די דאָזיקע מצווה איז נוהג בזמן הזה... און אין ראש השנה נאָכן דאַווינין, האָב איך מתפלל גיווען, השי"ת זאָל מיר וויזן דעם וועג צו דער דאָזי־קער מציוה... האָב איך מיך דערמאָנט אין אַ מאמר: „שאול האָט נישט זוכה גיווען צו דער מלוכה נאָר צוליב דעם, וואָס זיין זיידע האָט אָנגיצינדן ליכט פאַר אַ רבים"... האָב איך פארשטאַנין, אַז די כוונה איז זיך צו שטאַרקן לכבוד דעם בית המקדש, אָנצינדן ליכט פאַרן כותל מערבי, ווען יירן קומין זיך צוזאַמין צום דאַווינין ערב שבת. און מכל-שכן, אַז מ-וועט זוכה זיין ס-וועט זיין דאָרט אַ בית-המדרש. און צוליב דעם האָב איך מיך מתחזק גיווען ביי דער שמחת בית השואבה אָנצוצינדן אסך ליכט, און עס זענין זיך דעמלט דאָרט צוזאַמינגיקומין אַ סך יידן און מיר האָבן גיזאָגט שירות און מזמורים, האָב איך דעמלט פאַרשטאַנין, אַז די זאַך וועט האָבן אַ קיום. נאָך סוכות בין איך איינגישלאָפן און אין חלום גיזען אַזוי ווי אַ חופה איבערן בית המקדש... האָב איך פאַרשטאַנין מיך צו שטאַרקן אין דער דאָזיקער הלכה".

דעמלט האָט ער באַשלאָסן צו דרוקן אַ ספּעציעל ספר אינטערן נאָמין „משכנות אביר יעקב", אויסצואווייזן, אַז די הלכה פון שמירת בית המקדש איז נוהג בזמן הזה און דער עיקר ביים כותל מערבי, אָבער צוליב זיין גרויסער אָרימקייט, האָט ער עס נישט גיקענט אויס־פירן, האָט ער גידרוקט נאָר צוויי בלעטער, די עיקרים פון זיין פראָ־יעקט און צוגישיקט בחינם צו אלע גדולי הדור.

(ווייטער — זע ב"י נזמער 62)

---

לייענט דאָס וויכטיקע בוך

„יידישקייט און לשון"

פון דר. שלמה בירנבוים

— פרייז 3.50 זל. —

צו באַקומין אין אונדזער אדמיניסטראַציע

אַן געלט ווערט נישט גישיקט!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 061 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# גליקל-ס חתונה אין האַמעל

# זכרונות פון פרוי גליקל האַמעלן

(גישריבן גיוואָרן מיט 300 יאָר צוריק אין עברי-טייטש)

8.

איצט לאָמיר צוריק גיין צום עיקר. אַז איך זאָל וועלן אַלץ שרייבן וועגן מיין פאָטער זצ"ל וועט מיר נישט קלעקן קיין הונדערט בויגן פּאַפּיר. מיין פאָטער עליו השלום, האָט שטענדיק גירעכנט זיך משדך צו זיין מיט די שיינע משפחות, און דריבער האָט ער אַלץ גיטון איבערן יכולת. און ער האָט זיך טאַקע משדך גיוועזן מיט די שענסטע משפחות. מיר דאַכט זיך, אַז אין מיין ערשטן ספר האָב איך שוין אַ ביסל דערמאָנט וועגן דעם, אַז מיין פאָטער איז גיוועזן אַ זייער לאַנגע צייט אַ פּרנס פון דער קהלה. און וואו ער האָט זיך גיוואָנדן האָט ער באַגליקט, און די קהלה איז דאַן זייער גוט גישטאַנען מיט אַלעם. עס האָט דעמאָלט ממש קיינעם גאָר נישט גיפעלט. קהל איז אַפילו קיין איין פּרוטה נישט שולדיק גיוועזן. כאָטש עס זענען גיוועזן אין דער קהלה, לויט ווי איך גידענק פון קינדווייז, זייער גרויסע מחלוקת, אַזוי ווי דער שטייגער איז, בעוונותינו הרבים, ווען עס שטיין אויף די רשעים. און אויך אין דער צייט ווען מיין פאָטער זצ"ל איז גיוועזן פּרנס מיט זיינע חברים, זענען אַסך גרויסע רשעים אויף זיי אויפגישטאַנען. זיי האָבן גיוואָלט טון דעם קהל זייער פיל שלעכטס; און צוויי פון זיי, דאַכט זיך מיר, האָבן אויסגיפועלט ביים מלכות, אַז זיי זאָלן ווערן פּרנסים. זיי זענען שוין אָבער, איצט אויפן עולם-האמת און דעריבער וויל איך נישט זאָגן זייער נאָמען. אין אונדזער קהלה ווייסט מען ווער דאָס איז, אָבער ג-ט האָט צושטערט די עצה פון די רשעים. און ג-ט איז ביי גישטאַנען די קהלה, און די האַרן, די פּרנסים און מנהיגים „האָבן איינגישטילט די רוחות". און זענען גיפאָרן צום קעניג ירום הודו קיין קאָפּנהאַגן. און זיי האָבן אים אַלץ דערציילט און דער קעניג איז גיוועזן אַ זייער גוטער מלך און ליב גיהאַט די גירעכטיקייט, און אַלץ איז ווידער גיוואָרן גוט, און דער איבערשטער, ברוך השם, האָט דערנידריקט די רשעים. און דאָס האָט אַפילו נישט גיקאָסט קיין סך געלט, ווייל זיי האָבן חס גיהאַט אויף קהל-ס געלט אין עס גיהיטן ווי דאָס שוואַרצע אַפּל פון אויג. און זיי האָבן גיזעען נישט אָנצומאַכן קהל קיין חובות. אויב עס האָט אין דער קהלה אַמאָל אויסגיפעלט אַ עטלעכע הונדערט ר"ט, האָט עס אַ פּרנס דערווייל אויסגילייגט פון דער אייגענער טאַש און דערנאָך האָט ער עס זיך איינציקווייז אָפּגינומען פון דער קהלה, אַז עס זאָל איר נישט שווער זיין.

ווען איך טראַכט וועגן די דאָזיקע טעג און איך טו זיי פאַרגלייכן מיט דער איצטיקער צייט, זע איך אַז דעמאָלט איז גיוועזן אַ גליקלעך לעבן. כאָטש אין יענער צייט האָבן זיי נישט גיהאַט אַפילו אַ העלפט פון דעם, וואָס זיי האָבן איצט, ג-ט זאָל זיי מוסיף זיין כהנה וכהנה אין זייערע און אונדזערע טעג זאָל קומען די הילף פאַר יהודה און ישראל.

ווען איך בין נאָך נישט אַלט גיוועזן, קיין גאַנצע צוועלף יאָר, האָט שוין דער פאָטער מיט מיר אַ שידוך גיטון. צוויי יאָר בין איך גיוועזן אַ כלה. מיין חתונה איז גיוועזן אין דער שטאָט האַמעל. מיינע עלטערן און די קרובים, אַן-ערך פון צוויי מנינים יידן זענען דאָרט אַהינגיפאָרן צו דער חתונה. אין יענער צייט איז נאָך נישט גיוועזן (אויף יענעם וועג) קיין פּאָסט-וואָגן און מען האָט דעריבער גימוזט אָפּדינגען פויערישע וועגן קיין האַנאָווער.

באַלד ווי מיר זענען גיקומען קיין האַנאָווער, האָבן מיר גישריבן קיין האַמעל, אַז מען זאָל פאַר אונדז אַרויסשיקן וועגן. מיין מאַמע זאָל לעבן, האָט גימיינט, אַז אין האַמעל גיפינען זיך קאַרעטעס ווי אין האַמבורג, די מאַמע האָט גימיינט, אַז כאָטש איין קאַרעטע וועט דער מחותן לכל הפחות יאָ אַרויסשיקן צו ברענגען די כלה מיט אירע עלטערן. אין דריי טעג אַרום זענען אָנגיקומען דריי אָדער פיר פויערישע פירלעך איינגישפּאַנט אין אַזעלכע גיפּגרטע פערד, אַז מען האָט זיי אַליין כאָטש באַדאַרפט אַרויפלייגן אויף די וועגן. מיין מאַמע איז אַפילו גיוואָרן אַ ביסל ברוגז, אָבער זי האָט גאָר נישט גיקאָנט מאַכן. אַזוי האָבן מיר זיך, מיט ג-טס הילף, אַרויפגיזעצט אויף די פויערישע פורלעך און מיר זענען אָנגיקומען קיין האַמעל. אויף דער נאַכט איז גיוועזן אַ סעודה חי עס גיהער צו זיין. מיין שווער זצ"ל און די שוויגער זענען גיוועזן זייער וואוילע מענטשן און זיי זענען אַ ביסל ענלעך גיוועזן צו ר' יוסף האַמל. מיין שווער זצ"ל האָט גינומען אין דער האַנט אַ בעכער מיט וויין און האָט גיזאָגט „לחיים" צו מיין מוטער. די מאַמע האָט נאָך גיהאַט אינים האַרצן אַ קליינעם רוגז, ווייל מען האָט נישט גישיקט נאָך איר אַ קאַרעטע. דער שווער זצ"ל האָט דאָס גיפילט, און אַזוי ווי ער איז בכלל גיוועזן אַ זייער ליבער מענטש און ליב גיהאַט פריילעך צו מאַכן מענטשן, האָט ער גיזאָגט צו דער מאַמען: איך בעט די מחותנת-טע אַוועקצוואַרפן דעם ברוגז, האַמעל איז נישט האַמבורג, ביי אונדז זענען נישטאָ קיין קאַרעטע, מיר זענען פּראָסטע מענטשן פון אַ קליין שטעטל. איך וועל אייך דערציילן, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן מיט מיר ווען איך בין אַלס חתן גיפאָרן אויף מיין חתונה. מיין פאָטער ר' שמואל שטוטגאַרט איז גיוועזן פּרנס המדינה פון העסן און די כלה איז גיוועזן פריידע, נתן שפּאַניער-ס טאָכטער. איך האָב גיקריגן צוויי טויזנט ר"ט נדן. און מיין פאָטער זצ"ל האָט אויך גיזאָלט צו געבן אַ פופצן - זעכצן הונדערט ר"ט. דעמאָלט איז דאָס גיוועזן אַ זייער גרויסער נדן. אַז עס האָט אָנגירוקט דער זמן חתונה, האָט דער טאַטע גישיקט אַ שליח, אַ מענטש, וואָס האָט גיהייסן פיש, ער האָט אים אַרויפגילייגט אויפן אַקסל דעם נדן, ער זאָל אים ברענגען קיין שטאַטהאַגן, דאָרט וואו עס האָט גיוואוינט מיין שווער נתן שפּאַניער עליו השלום. איך מיטן שליח האָבן אויפגיהויבן די פיס און גיגאַנגען קיין שטאַטהאַגן. אין שטאַטהאַגן איז גראָד גיוועזן ר' לייב הילדעסהיים און זיינס אַפּאָר גוטע פריינט זענען אונדז אַקייגנגיפאָרן. הילדעסהיים איז גיוועזן פון אַ זייער גרויסאַרטיקער משפחה – און ווען ער האָט אונדז ביידע גיזעען, מיך און מיין שליח דעם „פיש" גייען צו פיס, איז ער שנעל צוריק גיפאָרן אין שטאָט אַריין און אָנגיזאָגט דער כלה, מיין פריידן, אַ בשורה, אַז איר חתן קומט אָן פּו רייטן אויף אַ „פיש"...

און איצט זעט איר דאָך, אַז איך קאָן אויך רייטן אויף אַ גוט פערד, דעריבער בעט איך אייך צו זיין אַ ביסל מער גידולדיק... די מאַמע האָט זיך ערשט נאָך דער מעשה גילאָזט איבערבעטן און די חתונה איז פאָרגיקומען בשמחה ובששון.

(ווייטער–זע דעם נומער 62)

---

## גידענק!

## „בית-יעקב"

גייט שוין יעדע צוויי וואָכן

און דו האָסט נאָך נישט גיגעבן פאַרן איינמאָליקן פאָנד

פון דער בית-יעקב-ליטעראַטור!

# אַלף־בית פון אָרטאָדאָקסישן אויסלייג

## פון ד״ר שלמה בירנבוים

**אַ** בײַ אַ תנועה אין אָנהייב וואָרט אָדער טראָף הערט זיך אַ שוואַכער קלאַנג. אויב די תנועה שרײַבט זיך מיט אַ וואָוו אָדער אַ יוד, ווערט דער קלאַנג איבערגעגעבן מיט אַן אַלף: אומגליק, אומה, אומיסטן, פאַראומערט. אופן, אורחים. אויבס, אויס. איז, אינדיק, א.א.וו.

**אַ** אַ שטומע אַלף שטעלט זיך צוליב אַ מחיצה, ס׳זאָלן ניט אויסקומען דרײַ וואָוון אָדער דרײַ יודן אויף איין מאָל: כּ׳וואוין, וואונדער, פּרוּאוון, יאַייכל.

**אַ** 1) אַ קורצער קלאַנג: גראָבן, וואָג, טאָג, קאַטאָוויס, אַראָפּ, שלאָפן, האָקן. 2) אַן־אויסגיצויגינער קלאַנג: בלאָ, אָדערן, גלאָז, בראָטן, נאָך (דערנאָך), טאָל, אָן (בלי), מאָס, גאָר.

**אַ** 1) אַ קורצער קלאַנג: אבער, אָדער (או), קאַווין, לאַזן, אַט, גיבראַכן, וואַלט, דאַמבּ*, סאַסנע, טאַפּ, גישראַקן, דאַרטן, וואַרצל, נאָך (עוד). 2) אַן־אויסגיצויגינער קלאַנג: גיוואַרן, האַרן.

**אַ** 1) אַ קורצער קלאַנג: אַז, גלאַט, מאַכן.
2) אַן־אויסגיצויגינער קלאַנג: גראַם, נאַריש.
3) מע קען אויך שרײַבן: בײַמאַלע, קעפּאַלעך.

## ב ג ד ה

**ו** 1) אין פּוילן, אוקרײַנע אאַ״וו דאַרף מען עס אַרויסרעדן ווי אַ קורצע ״י״: אוגערקע. פּלוגתא. מוזן. טוץ. קוקן. שטופּן. חומש. זומער. פול (מלא). פּוטער. 2) אַרויסגירעדט אין פּוילן ווי ״אַ״ (דאַרטן), אין אוקרײַנע אאַ״וו ווי „ע״ (ווערט): דורך, קורץ.

**וּ** אין פּוילן, אוקרײַנע אאַ״וו דאַרף מען עס אַרויסרעדן ווי אַ לאַנגע ״י״: ברודער, דער זון, בשׂורה, הוזן, גרוב.

**וֹ** 1) מע דאַרף עס אַרויסרעדן ווי אַ קורצע ״אָ״ (דאָרטן): אורחים, אות.

2) אַרויסצורעדן ווי ״וי״: אורח, אותיות.

**וו** וואו, וויכּוח, וויספּע, אוודאי, קאָווע, ברייוו.

**וי** אויך, אַזוי, בוים, הויזן, לויט (וואָג), טויב (חרש), לויז (״שיטער״), רויט, שוין.

**וי** אויך, ברוין, הויז, לויט (ווערדליג), טויב (פויגל), לויז (כנים), סויער, פויק.

## ז. זש. ח.

**פֿ** האַנט, וואַנט, הונט (ווײַל מע זאָגט: הענטל, ווענטל, הינטל. אבער: לאַנד, קינד, ווײַל מע זאָגט: לענדער, קינדער).

**י** יאַטקע, יבשה. ייִד, יינגל, יאָרן.

**י** קורץ: איבער, ציבור, ווידער, איז, מיט, כּ׳בין, יינגל, וויסן, שפּיץ, טיש, בּרית, גיסטו (געבן געסטו).

**יִ** הי, מי, ליב, ייִד, ליד, שטיבל, היטן, שיך, מיל, די בין, פיר (4), פירן (נהג), גיסטו (גיסן).

**י** אַ קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין אַ ״י״: א) גיזאָגט, גיכאַפּט. ב) ער פּראַוויט, הרגיט. ג) קומין, סמין, זעגין, ריינים, זינגין, בענקין, הימלין, שטאַמלין, רויען, בויען, קייען, גייען. ד) איידים, בעזים. ה) ווייטיג, זונטיג, עליף, באָרוויס, עפּיס.

**ײַ** זײַ, דרײַ, צווײַג, גרײַז. טײַטל (צו ווײַזן) רײַך, הײַליק (ציין), רײַן (טאָפּ), נײַן (9), שײַן (ליכט), ווײַס (קאָליר), פײַקל.

**ײ** זיי (זאָלסט זײַען), צוויי, היי, טייטל (פּרי), הייליק (קדוש), ריין (טהור), ניין (לא), שיין (יפה), כ׳וויים.

## כ ך ל לי מ ם נ ן ני ס

**ע** עוולה, עולם.

**ע** קורץ: בעט (צום שלאָפן), סערפּ, מענטש, קעץ, ווערטל.

**ע** אויסגיצויגן: עבן, רעדל, כ׳בעט (בקשה), הערן, ווערט (ראוי).

**ע** אַ קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין אַ ״י״: איך פּראָווע, טענע, ב) גרויסע, שיינע, גוטע.

**ע** אַ קורצע תנועה, אין רוב דיאַלעקטן גיראָטן אין אַ „ע״: א) גרויסער, גוטער, מענער, האַמער, שניידער. ב) הינטלעך. גליקלעך. נעבעך, פּאַסטעך.

## פּ פֿ ף צ ץ

**ק** אויך בײַם אויסלאַז יק: לעבידיק.

## ר ש שׂ תּ ת

בײַ ווערטער פון לשון־קודשן אָפּשטאַם, שטעלט מען די נקודה פון דער גיקוועטשטער הברה: בטל, נאמן, אויב מע דאַרף, אויך פון דער הברה פאַר איר: הנחה. גדולה.

אַנט, באַ, פאַר, צו: אַנטלויפן, באַקומין, פאַרקויפן, צוטרייבן.

קיין שטומע עיינס זענען נישטאָ: זאָגן, הימל.

אויך ניט קיין שטומע היאין: פאָרן, פורן, פירן, אָן, מאָן. צאָל. רו, טון.

בכלל ניט קיין שטומע אותיות: שטאָט, רעט, אייביקייט.

אונדז, העלדזל, פענצטער אאַ״וו.

מע שרײַבט ווערטער נישט צוזאַמען: אין גאַנצן, אאַ״וו.

מע בינט צונויף ווערטער מיט אַ מקף, מזל־טוב, שטאָט־זייגער.

בײַם שרײַבן בלײַבט בּ, פּ אָן אַ דגוש,

און ב, פ קומען מיט אַ רפה: ב, פ—ב̄, פ̄.

ארכיון אסופות

הארכיון היהודי

# פראַנקפורט אַם מאַין

ד״ר היינימאַנס מיידל־פענסיאָנאַט
ערשט־קלאַסיקע דערציאונגס־אינסטיטוט

שטרענג כשר. גיגרינדיט 1869

ווי סנשאַפטלעכע, פראַקטישע און געזעלשאַפט-לעכע אויסבילדונג פאַר יונגע מיידלעך אינים אָרטאָדאָקסישן גייסט.

די בעסטע רעפערענצן!

אַדרעס: Dr. Heinemannsches Mädchen pensjonat Frankfurt a. M. Mendelsohnstr. 84

שוין אַרויס פון דרוק

## דער פאַרשוואונדיבער גן־עדן

אַ נייע בראָשור פון יהודה לייב אָרלעאַן וועגן מאָדע און לוקסוס מיט פאָלגענדע פרקים;

1) אידעע אָדער פּסיכאָ
2) אַ לעבן אָן חשבון
3) וואו קומט אהין דער פאָלקס־קאַפּיטאַל?
4) דער פאַרשוואונדינער גן־עדן
5) זעלבסטשטענדיקייט אָדער קנעכשאַפט
6) מאָדע און לוקסוס
7) דער מעקלער פון פאַרברעכנס
8) די מאַכט פון זיסן
9) דער גורל פון יידישן קינד
10) וואָלס צווישן זיידנס
11) די ירידה פון אונדזערע בני עליה
12) וואָס זאָלן מיר טון?
13) ווער זאָלן זיין די פּיאָנער?
14) מלחמה קעגן נאַטירלעכקייט אָדער אומנאַטירלעכקייט
15) באַציאונג אָדער קאַמף

די בראָשור איז געשריבן זייער פּאָפּולער און לייענט זיך אַנציענד.

פּרייז 70 גר. נאָר געגן געלט פאָראויס.

צו באַשטעלן דורך פּ. ק. אָ. 12 380. L. Orlean

כדי צו ערמעגלעכן אַלע יוגנט־גרופּן, צו פאַרשפּריי-טן די זייער אינטערעסאַנטע בראָשור איז דער פּרייז פאַר 10 שטיק נאָר פינף זל.

**אַלע בנות־אָרגאַניזאַציעס זענען מחויב דאָס דאָזיקע בוך צו פאַרשפּרייטן אין די יידי-שע הייזער, אין הסכם מיט׳ן באַשלוס פון אונדזער קאָנפערענץ צו פירן אַ קאַמף מיט דער לוקסוס־מחלה, וואָס איז פאַר׳ן יידישן פאָלק די פאַטאַלסטע זאַך!**

### דרוק־פעלער

אין חנוכה נומער פון בית־יעקב זשורנאַל זענען אין די לידער און איבערזעצונגען פון אליעזר שינדלער געווען אייניקע דרוקפעלער. מיר פאַריכטן זיי דאָ;

אין ליד „לשון הקודש״ דאַרף הייסן: ס׳גלאַנצן אין דיר די כרובים. אין קאַפּיטל תהילים ע״ט שורה 9, דאַרף שטיין; „קיינער נישטאָ״. אין דער איבערזע-צונג אשת חיל:

דאַרף פאַריכט ווערן „איר מאַן איז חשוב אין טויער״ („נודע בשערים בעלה״) און נישט איר מאַן איז חשוב און טייער. ווייטער; גיט איר די פּירות פון איר אייגינים גירעטעניש און צום סוף דאַרף ריכטיק הייסן: „זאָל מען לויבן איר ווערק״. שטאָט איר ווערט.




# רעכט אויף אַרבעט!

עס איז אַ פאַקט, דאָס ביים היינטיקן טאָג זענען פאַראַן זייער אַסאַך פון אונדזערע חברות, וואָס נייטיקן זיך אין פאַרדינען אויף חיונה. אויך זענען באַזונדער פאַראַן טאַקע אַרבעטערנס פון פאַרשידענע פאַכן צווישן אונד-זערע רייען גופא. לײדער האָבן מיר אָבער אויף דעם געביט, אַזוי גוט צו פאַרשאַפן אַרבעט די שוין פאַכאָווע אַרבעטאָרנס ווי בכלל זוכן אַ וועג פאַר די וואָס נייטיקן זיך צו פאַרדינען, נאָך גאָרנישט געטון. אונדזער לאָדזשער צוזאַ-מענפאָר, וועלכע האָט אָנגענומען פאַרשידענע החלטות און וואָס כמעט דער רוב פון זיי זענען שוין אויסגעפירט, האָט אויך אָנגענומען אַ החלטה אין דעם פּרט, אָבער מען האָט זיך נאָך נישט צוגעאיר צוגעגירט מיטן קלענסטן פינגער. עס איז געווען אַ באַשלוס, דאָס אין די גרעסערע שטעט מוזן זיין אַרבעטס־פאַרמיטלונג שטעלעס און וואו זענען זיי?

עס איז אַ טרויעריקער פאַקט, דאָס די „פאַרמיטלונגס־ביוראָס״ פון די פרויען־שוין פאַראייניגן אין די גרעסערע שטעט ווען מ׳ווענדט זיך צו זיי, ווייזן זיי על־פּי־רוב אָן שטעלעס וואו מען דאַרף אַרבעטן אין שבת. פאַרוואָס עס איז אַזוי איז דאָך גרינג צו פאַרשטיין. ווער פירט דען אָן מיט די פאַראייניגן? קיין אָרטאָדאָקסישע פרויען זענען דאָך דאָרט נישט פאַראַן און קיין אָרטאָ-דאָקסישע אַרבעטס־געבער וועט דאָך דאָרט זיך נישט ווענדן. במילא איז דער משפט פון דעם ענין מכח חלילה אַזעלכער, דאָס אונדזערע חברות אָבער סתם יידיש־רעליגיעזע מיידלעך קאָנען דערפון נישט געניסן.

עס איז דעריבער אונדזער הייליקער חוב שוין עפּיס צו טון אויף דעם געביט. קודם מוזן אין די גרעסערע שטעט געשאַפן ווערן די פאַרמיטלונגס־שטעלעס. עס דאַרף נאָר זיין אַ טיכטיקע קאָמיסיע פון אַ פּאָר פּערזאָן, וואָס זאָלן דערמיט זיך פאַרנעמען און דער דערפאָלג איז אַ געוויכטיקער. זאָלן אונדזערע חברות זען בולט אַז אין אונדזער פּראָגראַם פאַרנעמט אויך אַבּ-אָרט דער עקאָנאָמישער מאָמענט, וואָס דאָס איז אַזוי גוט אַ התחייבות פאַר אונדז אינים תורה־אידעאַל, וואו יעדער אַנדערער קולטורעלער אַרבעט און לאָמיר געדענקען אַז „אם אין קמח אין תורה״.

איך האָב גאָר זאָס ענין באַרירט און זאָלן קומען אונדזערע פירערנס און די אַגודה־טוער און נעמען אַ וואָרט אין דער דאָזיקער אָנגעווייטיקטער פראַגע.

רחל בת טובים

# וואָס וועט זיין מיט יידישע ביכער?

שוין כמעט צוויי יאָהר וואו אויף אונדזער ביכער־מאַרק ווייזט זיך נישט קיין נייע יידיש בוך. אין אונדזערע ביבליאָטעקן הערן זיך אַלץ כסדר פּוילישע ביכער און קיין יידישע קומט נישט צו. פּשוט, ס׳גייט דאָך גאָר נישט אַרויס קיין איין גרעסער בעלעטריסטיש ווערק. איך בין אפילו נישט באַקאַנט מיט דער אייגנטלעכער סבה דערפון, וואָס די פאַרלעגער האָבן מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן ביכער, כאָטש איך שטויס מיך אָן, אַז ס׳איז מסתמא געשעפטלעך נישט קיין ענין פון פאַרדינסט אַרויסצוגעבן אַ אָרטאָדאָקסיש בוך.

עס איז אַ פאַקט, דאָס זייט מען האָט אונדזערע חברות צוגעוויינט צו לייענען מער יידיש און ס׳זענען שוין היינט כּאַראַן אָן עין־הרע, גענוג אַ סך וואָס זענען שוין זאַט פונים פּוילישן לייענען און בענקען נאָך אַ יידיש בוך. מען פאַרשטייט דאָך שוין היינט איבערהויפּט, אַז יעדע ביבליאָטעק דאַרף פּראָפּאַ-גאַנדירן ביי לייענערס יידיש און אַזוי טון דאָך די ריכטיק־באַוואוסטזיניקע

אָבער וואו זענען די ביכער? פאַרוואָס שווייגט די בנות צענטראַלע?

רבקה נייגעבורן



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 061 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Styczeń 1931
„BAJS JAKOW"

Cena 65 gr.
P.K.O. 67.795

Rok VIII zeszyt 4 (61)
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Limanowskiego 28
Telefon 109-77.

ב"ה

יהושע אהרונג חיה ראָט
(ב"י לערערן אין סקאַלאַט)

פאַרלאָבט

גלינע כסלו תרצ"א

צו דער תנאים פון לערערן חנה ראָט וואונשט
א הארציקן מזל-טוב. רעדאַקציע
ב"ת-יעקב לאָדזש

א הארציקן מזל-טוב וואונטש איך מיין איבערגעבינער בנות-חברה פרל אלשטיין צו איר חתונה מיט ה׳ ריבסקי.

לאָדזש-קראָקע חי׳ ראָזנבלום

דעם הארציקסטן מזל-טוב וואונטשן מיר אונזער איבערגעגעבענער פארוו. מיטגל. חנא ברנה דזיאַלאָווסקא צו איר פאַרלאָבונג מיט ה׳ פינטשע שפירא (גער). זאָל זי זוכה זיין צו בויען איר צוקונפט אין גייסט פון אונזערע אידעאַלן. אויך איר פאָטער דעם ת. פרעזעס ה׳ אברהם דזיאַלאָווסקי און זיין פרוי וואונטשן מיר, אַז זיי זאָלן דערלעבן פיל נחת.

חיערושאָח ב"י פאַרוואַלטונג, בנות אגודת-ישראל, בת ה-פאר באנר, לערערן אונגער

גידענקט אייערע אַלע אַנאָנסן צו געבן אין בית-יעקב-זשורנאַל!

פאַר יעדע אַנאָנס מוז געשיקט ווערן אַ קאָנטא 3 גילדן, אויב די אַנאָנס קאָסט מער, מאָנט צו די אַדמיניסטראַציע!

א ברכה-פולן מזל-טוב וואונטש איך מיינע גוטע פריינט די פאַמיליע שעכטער (פאַרטשעוו) צו דער חתונה פון זייער ליבער טאָכטער און מיין טרייער פריינדין פייגעלע מיט ה׳ טייבלום (סאָבאָלעוו) אין אייער הויז זאָל זיך פאַראייביקן תורה וגדולה און כ׳זאָל הערשן דער גייסט פון אגודת ישראל.

חיערושאָח שלומא אונגער
לערערן פון בית יעקב

די הארציקסטע מזל-טוב וואונטשן און גייסטיקע פאַרגעניגנס עד מאה ועשרים שנה, וואונטשן מיר די געערטע לערערן פרל. רחל הערשבערג (לאָדזש) מיט ה׳ ראַש (פשעדבאָזש). איר זאָלט זוכה זיין צו בויען אייער צוקונפט אין גייסט פון אונדזערע אידעאַלן.

סקיערניעוויץ ב"י לערערין פר. קערשטעט (חראַש)
פר. דזיאַלאָזסקא, גישוויסטער דזיאַלאָשינסקא, ציפה לעשינסקא, מלכה מילער, רחל מייגנבוים, חוה זעלמאַן, *
4-טער קורס בית-יעקב.

דעם טיפסטן מיטגעפיל דריקן מיר אויס אונדזערע אקטיווע פאַרוו. מיטגל. פרוי הינדא ביילא ליכטנבוים און פרל. פריידשע היימאַן צום פריצייטיקן טויט פון זייער ל. פאָטער. א״ש ע״ה. השי״ת זאָל אייך טרייסטן אין דער הייליקער ארבעט פאַר אונדזער אידעאַל

ווערשאָח לערערין [illegible]
בנות-אגודת-ישראל

א הערצלעכן ברכה-פולן מזל-טוב וואונטש איך די לערערן אסתר קליין (קויל) צו איר פאַרלאָבונג מיט מיין פריינט משה שנור זאָל אייער לעבנסוועג מיט בלומען זיין באַצירט און זאָל אייער הויז געבויט ווערן אין גייסט פון תורה ומסורה.

ראַדעל יעקב אייכטאַל

א הארציקן מז"ט וואונטשן מיר אונדזער ליב ברודער אברהם נ"י זינגער צו זיין פאַרלאָבונג מיט רבקה-לע מאַרקוס (סלאַחקאָוו). אייער נייע לעבנס וועג זאָל מיט אייביק גליק און צופרידנהייט זיין געבענטשט.

יאַנאָוו-לוב. שוועסטערן: לאה און צבי׳ זינגער

פאַרלאַג און ספרים-סקלאַד
שאַפּירא לאָדזש פּאָלנאַצנא 6

א צירונג פאַר יעדן יידישן הויז!
38 תמונות פון ממעט אלע רביים, פון בעל שם טוב ביז די היינטיקע צייט. בלויז נייע בילדער, וועלכע זענען צום ערשטע מאָל גידרוקט.
גרויסער פאָרמאַט, וואַנט-בילד.
א שטוינענד ביליקער פרייז! פרייז 75 גר.
אויף קונסט-דרוק גאר 1 זל.
אויך איז ערשינן לערך 100 תמונות קארטל פאָרמאַט צום פרייז 15 גר.
אָן געלט ווערט נישט געשיקט! מ׳קאָן אויך שיקן אין 5 גר. פאָסט מאַרקן! צו יעדע באַשטעלונג ליגט ביי אַ קאַטאַלאָג, און די די פּאָרטאָ באַטרעפט 15 גראָשן.
אדרעס פאַר בריוו:
שפירא לאָדזש פּאָלנאַצנא 6

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגיפיל דעם היגן מרא דאתרא הרב הגאון שליט"א און זיין גאַנצער משפחה צו זייער גרויסן צער. צוליבן פריצייטיקן טויט פון זייער ליבער טאָכטער, שוועסטער און שוועגערן

מלכה באוורי ע"ה

אין דער עבודת הקודש פאַר תורה-אידעאַל זאָלן זיי געפינען זייער נחמה!
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים!
בנות אגודת-ישראל - חי׳ גאָלדבערג-פאַרז.
לערערן - ב"י שילערנס - מרים מענדלסאָן
- רחל מאַריאַן-גיטל סאָקאָלאָוו, סעקר.

ביליקע, שיינע און גוטע וועש-אויסאַרבייטונג:
מעבער דאַמען קינדער-וועש
איבערציגן
קונסט-מאַשין און האַנט-שטיקעריי
פאַרהאַנגען, קאַפן, סטאַרן, עי׳אַמען און פילע.
קאָנקורענץ-פרייזן—צוגענגלעכע באַדינגונגען
M. REDLICH Łódź,
— Nowomiejska 4 —
w podwórzu, lewa oficyna
II wejście II piętro m. 34
באַמערקונג: עמפּפעלע גאַנצע אויסשטייערס.

# דער נייער נומער „קינדער-גאָרטן" פון חודש טבת (30)
# שוין ארויס פון דרוק!

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 4—11 נאָכמיטאָג—נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפטן ווערן נישט צוריק געשיקט—ביים פאַרלאַנגען ענטפער מוז זיין בייגעלייגט אַ פּאָסט-מאַרקע — אַנאָנסן, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריערדיק ווערן נישט גידרוקט און ס׳ווערט נישט אָפּגיענטפערט אויף אַזוינע פרעטענציעס—באַריכטן פון די שטעט וואו ס׳איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט גידרוקט.

Red. Luzer Gerszon Frydenzon | גרעזעצט: מ. ליבעסקינד לאָדז, קילינסקא 50 | Tłoczna J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50
Tel. 188-76.